**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארברייטערטע באמיאונגען צו באקעמפן האוזינג דיסקרימינאציע אריבער ניו יארק**

***אינוועסטירונג אין יושר'דיגע האוזינג פראבע פראגראם וועט פארמערן פארשונגען פון האוזינג דיסקרימינאציע און פארשטערקערן אויפקלערונג באמיאונגען און באמיאונגען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי אויף יושר'דיגע האוזינג רעכטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 2.2 מיליאן דאלערדיגע פארברייטערונג פון ניו יארק'ס יושר'דיגע האוזינג פראבע פראגראם (Fair Housing Testing Program) וואס איז אויסגעשטעלט אויסצווארצלען דיסקרימינאציע ביים ארויסדינגען און פארקויפן הייזער. ניו יארק סטעיט האט זיך אנגעשלאסן מיט זעקס נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס איבערן סטעיט ארויסצושיקן באהאלטענע אגענטן זיך צו פארשטעלן אלץ מענטשן וועלכע זוכן צו דינגען אדער קויפן א היים. די פארברייטערונג וועט פארמערן פארשונגען פון פארדעכטיגטע האוזינג דיסקרימינאציע בעפאר א פארלעצונג ווערט געכאפט און עס וועט פארשטערקערן אויפקלערונג באמיאומגען און באמיאונגען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי איבער יושר'דיגע האוזינג רעכטן, אריינרעכענענדיג פאר מענטשן וועלכע זענען אין די פארגאנגענהייט געווען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע סיסטעם.

"אזוי ווי מיר פארברייטערן צוטריט צו האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט, נוץ איך אלע מיטלען וואס שטייען צו מיין האנט צו באקעמפן האוזינג דיסקרימינאציע און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער ווערן באהאנדלט מיט כבוד, יושר און רעספעקט ווען זיי זוכן די הויז פון זייער אויסוואהל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער אינוועסטירונג אין דעם וויכטיגן פראגראם שיקט א קלארע מעסעדזש: האוזינג דיסקרימינאציע וועט נישט טאלארירט ווערן דא אין ניו יארק".

דער יושר'דיגע האוזינג פראבע פראגראם ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל'ס (Homes and Community Renewal, HCR) יושר'דיגע און גלייכע האוזינג אפיס (Fair and Equitable Housing Office), און עס פארברייטערט דעם פראבע פראגראם וואס האט זיך געעפנט דורך די אפיס עס צו אויספרובירן אויף א קליינעם פארנעם אין 2021. דער פראגראם ערגענצט אויך די ארבעט וואס ווערט געטוהן דורך די [עלימינירן שטרויכלונגען אויפן וועג צו האוזינג - ניו יארק (Eliminating Barriers to Housing New York) פראבע און קאמיוניטי מיטארבעט פראגראם]() וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך די ניו יארק אפיס פון די אטוירני דזשענעראל צוזאמען מיט Enterprise Community Partners.

HCR האט געשלאסן קאנטראקט מיט זעקס ארגאניזאציעס צו דורכפירן פראבעס אין 48 קאונטיס, אריינרעכענענדיג נעסאוי און סופאָלק, וועסטשעסטער, אלבאני און סקענעקטעדי קאונטיס, און אזוי אויך די פינף בעראוס פון ניו יארק סיטי. די שותפים אין דעם יושר'דיגע האוזינג פראבעס און קאמיוניטי מיטארבעט זענען: CNY Fair Housing, the Fair Housing Justice Center, Housing

Opportunities Made Equal, Legal Assistance of Western New York, Long Island Housing Services, און Westchester Residential Opportunities. די נאנ-פּראפיט האוזינג ארגאניזאציעס וועלן ארויסשיקן טרעניִרטע יושר'דיגע האוזינג אגענטן זיך צו פארשטעלן אלץ מענטשן וועלכע זוכן צו דינגען אדער קויפן א הויז כדי צו אויפדעקן אומגעזעצליכע דיסקרימינירנדע באהאנדלונג דורך פארקויפער, מעקלער און לענדלארדס.

דער פראגראם באמיאונגען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי און די טרענירונג וועלן זיין קאנצעטרירט אויף יושר'דיגע האוזינג באשיצונגען, אריינרעכענענדיג פאר אזעלכע וועלכע זענען אין די פארגאנגענהייט ארעסטירט אדער באשולדיגט געווארן. די באמיאונגען רעכענען אריין רעקלאמעס און מעסעדזשעס אויף סאָושעל מידיע, טרענירונג געשעענישן און פראפעסיאנאלע בילדונג קלאסן.

**ניו יארק סטעיט הייִמער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "האוזינג איז א וועזענטליכע מענטשן רעכט, און מיר מוזן פארזעצן זיך צו באנוצן מיט אלע כלים וועלכע שטייען אונז צום האנט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן א יושר'דיגע און גלייכע געלעגנהייט צו וואוינען אין די קאמיוניטיס וואס זיי וועהלן אויס. אונזער יושר'דיגע האוזינג פראבע פראגראם באגלייט גאווערנער האקול'ס 'ניו יארק האוזינג קאמפּעקט' (New York Housing Compact), א פלאן וואס וועט אקטיוועררהייט אדרעסירן אומגלייכקייטן אין צוטריט צו האוזינג, אויסשליסנדע זאָונינג רעגולאציעס און אנדערע שטרויכלונגען וועלכע האלטן צוריק יושר'דיגע האוזינג ציהלן, און עס וועט אונז העלפן בויען א בעסערע און מער גלייכע ניו יארק פאר יעדן."

מער אינפארמאציע איבער יושר'דיגע האוזינג איז פארעפנטליכט אויף די HCR'ס וועבזייטל: [https://hcr.ny.gov/feho](https://hcr.ny.gov/feho).

**מאַרלין זארפיס, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Westchester Residential Opportunities, האט געזאגט,** "די ארבעט איז קריטיש צו פארזיכערן א האוזינג מארקעט אין די אונטערשטע האדסאן וואלי אין וועלכע יעדע פאמיליע האט א גלייכע געלעגנהייט זיך צו באטייליגן, אפגעזעהן פון די קאליר פון זייער הויט, זייער אפשטאם, פרנסה, דיסאביליטי אדער סיי וועלכע אנדערע באשיצטע גרופעס."

**עליזאבעט גראסמאן, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די Fair Housing Justice Center, האט געזאגט,** "די Fair Housing Justice Center איז גאר שטארק דאנקבאר פאר די שטיצע פון די HCR, און מיר קענען נישטווארטן צו אנהויבן ארבעטן אויף נייע פארשונג און קאמיוניטי מיטארבעט אקטיוויטעטן. פראבעס בלייבן א קריטישע מיטל פאר יושר'דיגע האוזינג ארגאניזאציעס צו נוצן אין די קאמף קעגן דיסקרימינאציע, און מיר קוקן ארויס צו דורכפירן גרונטליכע פארשונגען אריבער די ניו יארק סיטי ראיאן. די פינאנצירונג וואס ווערט געגעבן פאר קאמיוניטי מיטארבעט באמיאונגען וועלן אונז גיבן א שטערקערע געלעגנהייט צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט יושר'דיגע האוזינג רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן, באזונדערס די שטארקע באשיצונגען וואס ניו יארק סטעיט האט אוועקגעשטעלט צו באקעמפן דיסקרימינאציע באזירט אויף די מקור פון פרנסה פון מענטשן און צו צושטעלן טרענירונג פאר טענאנטס, מענטשן וועלכע זוכן צו קויפן הייִמער און האוזינג פּראָווײַדערס. א דאנק די שטיצע פון די HCR וועלן מענטשן אריבער די גאנצע ראיאן וואו מיר שטעלן צו סערוויסעס וויסן אז זיי קענען זיך ווענדן צו אונז פאר הילף און אז אונזערע פראגראמען וועלן זיי ברענגען די הילף וואס זיי דארפן."

**איען ווילדער, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Long Island Housing Services, האט געזאגט,** "Long Island Housing Services איז דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט פארן שטיצן אונזער גאר-נויטיגע ארבעט אויף יושר'דיגע האוזינג. די געלטער ערלויבן אונז צו ארויסהעלפן מיטן אינפארסירן די גאר נויטיגע באשיצונגען וועלכע די ניו יארק סטעיט געזעץ גיבט. נאך מער פון דעם, ערמעגליכט עס לאנג איילענד איינוואוינער זיך צו רוקן אין די ריכטונג פון א היים פאר וועלכע מיר אלע שטרעבן וואו

אונזערע שכנים קענען איסוועהלן צו וואוינען וואו אימער זיי ווילן אן דיסקרימינאציע. נאר דורכן איבערקומען האוזינג דיסקרימינאציע קענען מיר באפרייען לאנג איילענד איינוואוינער צו לעבן זייערע בעסטע לעבנס."

**דע'ענע איסאן, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Housing Opportunities Made Equal (HOME), האט געזאגט,** "אויפקלערונג און קאמיוניטי מיטארבעט זענען קריטיש צו קענען אויסראטן דיסקרימינאציע אין האוזינג און צו שטופן פאר יושר'דיגע האוזינג. HOME איז דאנקבאר פאר די שטיצע פון די NYSHCR ביים באקעמפן נייגונגען אין האוזינג און ביים שטופן פאר פארשידנארטיגקייט און יושר אין אונזערע קאמיוניטיס."

**סעלי סענטענדזשעלאָו, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון CNY Fair Housing, האט געזאגט,** " CNY Fair Housing האט א לאנגע היסטאריע פון באקעמפן שטרויכלונגען אויפן וועג צו האוזינג אין די סירעקיוס ראיאן. מיט די געלטער וועלן מיר קענען דורכפירן מער יושר'דיגע האוזינג פראבעס און ארבעטן מיט די קאמיוניטי אין אונזער ראיאן און נאך ווייטער. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן אונזער שותפות מיט ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינױעל צו עלימינירן דיסקרימינאציע אין האוזינג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418